זון אויפגאנג — 7.10
זון אונטערגאנג — 5.13

די איינציקע אידישע
צייטונג
אין מערב קאנאדע
עטאבלירט אין 1910
ערשיינט
יעדן טאג

THE NEW YORK
PUBLIC LIBRARY
NOV 8 1930
ASTOR, LENOX AND
TILDEN FOUNDATIONS

דאס
אידישע ווארט
THE GATEWAY OF THE WEST.
THE ISRAELITE PRESS

The Only Jewish
Newspaper in
Western Canada
Established 1910.
Published
DAILY

וועטער:
קלאר און קילער

Vol. 20, No. 211. Winnipeg, Wed. Oct. 29, 1930. Published daily except Saturday and Sunday. ערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג מיטוואך, ז' חשון, תרצ"א.

פאלעסטינער פראגע באריט ביי עפענונג פון פארלאמענט

קלאנג אז פעספילדס פאפיר איז ארויסגעגעבן אן קאבינעטס צושטימונג

הדסה קאנווענשאן ענטפערט אויף “ווייסן פאפיר” אסיגנירנדיק $800,000 אויף באדן איינקויף

לארד רידינג דערקלערט אין לארדן הויז, אז דער בריטישער כבוד שטייט אין קאן. — באלדווין פרעגט אין דעפוטאטן הויז, אויב רעגירונג מיינט מיט איר “פאפיר” אן אפווייכונג פון אלטער פאליטיק, און פרעמיער מאקדאנאלד פארזיכערט אז ניט

לאנדאן, אקט. 29 (איטא).— די פאלעסטינער פראגע איז נעכטן ביי דער עפענונג פון דער סעסיע אויפגעהויבן געווארן פון לארד רידינג אין לארדן הויז, באלד נאכדעם ווי דעם קעניגס רעדע איז אפגעהאלטן געווארן.

לארד רידינג האט געזאגט, אז ער וואלט געוואלט דערוויזן דער רעגירונג, אז ס'איז דא ניט בלויז א פראגע צווישן די אידן און די אראבער, נאר דער בריטישער כבוד שטייט דא אין קאן. עס איז דער רעגירונגס פליכט אפצוראמען אלע שוועריקייטן וואס קאנען דא זיין און צוריק אויפשטעלן די לאגע אזוי, אז זי זאל ניט זיין אפן צו קריטיק און אז קיינער זאל זיך ניט קאנען באקלאגן, אז “די בריטישע רעגירונג האט זיך מיט איר ווארט פארפליכטעט, צוזאמען מיט אירע פארבינדעטע, אין דער צייט פון דער מלחמה, און ווען די געפאר איז פארביי האבן זיי גענומען אן אנדער שטעלונג און האבן זיך אפגעזאגט פון זייערע פארפליכטונגען און הבטחות וואס זיי האבן דאן געמאכט”.

לארד רידינג האט פארגעזעצט:

“איך קאן קוים באגרייפן, אז די רעגירונג זאל געבן א געלעגנהייט צו זאגן, אז זי האט ספעציעל צוגעפאסט א באריכט צו איר פאליטיק. אזעלכע, ווייס איך, האבען שוין פריער פאסירט. קיינער וועט ניט אפפרעגן די באהויפטונג, אז די רעליגיעזע פרייהייטן פון די אראבער מוזן רעספעקטירט ווערן, ווי פון וועלכן ס'איז אנדער פאלק. דאך, אויב די רעגירונג האט זיך איין מאל פארפליכטעט אויפצובויען די אידישע נאציאנאלע היים, קאן זי ניט האבן די פרייהייט אין די שפעטערדיקע יארן צו האנדלען אזוי, אז ביי פיל מענשען איבער גאר דער וועלט, פאראינטערעסירטע אין דער פראגע, זאל זיך שאפן דער איינדרוק, אז די בריטישע רעגירונג האט זיי אפגענארט.”

“איך האף”, — האט לארד רידינג פארענדיגט, — “אז די רעגירונג וועט געבען די געלעגנהייט אין דער נאענטער צוקונפט צו ענדערן די מיינונג וועגן איר פאליטיק”.

אין ענטפער צו לארד רידינג, האט לארד פארמור, רעגירונגס לידער אין לארדן הויז, דערקלערט:

“איך בין זיכער, אז מיר האבן געמאכט יעדע אנשטריינגונג צו דערפילן אלע פארפליכטונגען צו אונזער נאציאנאלער ערע, סיי צו די אידן, און סיי צו די אראבער. עס איז ניט קיין לייכטע פראגע, אבער איך דיינק, אז די באשולדיקונג אז מיר האבן ניט געטאן דאס בעסטע וואס מיר האבן געקאנט צו באהאנדלען יושר'דיק ביידע צדדים האט קיין שום גרונט ניט.”

באלדווין באריט די פאלעסטינער פראגע אין הויז

לאנדאן, אקט. 29 (איטא).— בעת זיין ענטפער צו דער רעדע פון טראן, האט סטענלי באלדווין באריט אויך די פראגע פון פאלעסטינע, און ער האט געפרעגט דעם פרעמיער, אויב “דער ווייסער פאפיר” מיינט, אדער מיינט ניט, אן אפווייכונג פון ענגלאנדס פאליטיק בנוגע דעם פאלעסטינער מאנדאט.

פרעמיער מאקדאנאלד האט דארויף געענטפערט, אז אלץ וואס ס'איז געטאן געווארן איז געווען אינ'ם גייסט פונ'ם מאנדאט און שטרייננג לויט די באדינגונגען פונ'ם מאנדאט.

א רעגן פון פראגעס פון אלע פארטייען איבער דער פאלעסטינער פראגע ווערט דערווארטעט היינט. ווי די “איטא” דערוויסט זיך, וועלן די ארבעטער פארטיי מיטגלידער האבן היינט א פארזאמלונג צו פארהאנדלען די פראגע.

—(::)—

וויכטיקע בעראטונג פון קאנאדער איד. אימ. הילף פאריין

מאנטרעאל. — אן אויסערארדענטלאכע זיצונג פון דירעקטארן-ראט פון דעם אידישן אימיגראנטן הילפס פאריין פון קאנאדע, וועט פארקומען דאנערשטאג דעם 30טן אקטאבער אין אוונט, אין לאקאל פון דער צענטראלע אויף 4158 סט. לארענס בלווד., מאנטרעאל.

אויף דער דאזיקער זיצונג וועט אויפגענומען און דיסקוטירט ווערן די ווייטערדיקע טאקטיק פון דעם אידישן אימיגראנטען פאריין אין צוזאמענהאנג מיט דער איצטיקער לאגע פון דער קאנאדער אידישער אימיגראציע. עס וועלן אויך באהאנדלט ווערן א רייע ארגאניזאציאנעלע פראגן פון ערשט-קלאסיקער וויכטיקייט.

א באריכט פון דער דאזיקער פארזאמלונג וועט אין צייט פארעפנטלאכט ווערען.

—(::)—

נייע אטאקעס אויף אידישע סטודענטן אין בודאפעסט

ווין, אקט. 29 (איטא).— נייע סימנים פון אנטיסעמיטישע אויסברוכן האבן זיך באוויזן אין בודאפעסטער אוניווערסיטעט. אידישע סטודענטן זיינען אטאקירט געווארן אינ'ם אנאטאמישן אינסטיטוט. די אנטיסעמיטישע סטודענטן האבען דעמאנסטראטיוו פרובירט צו שטערען די לעקציע, באליידיקנדיק די אידישע סטודענטן פונ'ם מעדיצינישן פאקולטעט.

דערוויי[illegible] איינגעשטעלט געווארן.

מזרחי קאנווענשאן אפעלירט צו פרעזידענט הואווער קעגן ענגלאנד

באלטימאר, מערילענד, אקט. 29 (איטא).— אויף דער לעצטער זיצונג נעכטן האט די מזרחי קאנווענשאן געשיקט א טעלעגראמע צו פרעזידענט הואווער, דערקלערנדיק, אז די בריטישע רעגירונג האט געבראכן איר צוזאגן און האט פארגוואלדיגט דעם מאנדאט אויף וועלכן אמעריקע האט זיך אויך אונטערגעשריבן. די טעלעגראמע בעט דערפאר די אמעריקאנער רעגירונג אנצונעמען מיטלען קעגן דער דאזיקער עולה פון דער בריטישער רעגירונג.

די קאנווענשאן האט אויך אנגענומען א רעזאלוציע, אויפפאדערנדיק דעם קומענדיקן ציוניסטישן קאנגרעס צו גרינדן א קאאליציע-עקזעקוטיווע פון אלע פארטייען אנצופירן די ציוניסטישע באוועגונג, אבער בתנאי אז די דאזיקע עקזעקוטיווע זאל שטיין פאר פולן פאליטישן ציוניזם, “אינ'ם ווארט און אינ'ם גייסט פון באזעלער פראגראם”.

ניט דערמאנענדיק דר. מאגנעס מיט'ן נאמען, אטאקירט אן אנדער רעזאלוציע דעם פארשלאג אז אידן זאלן זיך באטייליקן אין דעם פראיעקטירטן לעגיסלאטיווען ראט ווי אן אומלאיאלע און פאררעטערישע מיינונג, און לויבט דעם ישוב פאר זיין באשלוס ניט צו באטייליקן זיך אין אזא קערפערשאפט.

גדליה בובליק איז ווידערדערוויילט געווארן פרעזידענט פונ'ם אמעריקאנער מזרחי, און רבי וואלף גאלד — וויצע-פרעזידענט.

הערמאן דערציילט, אז זיינע חברים האבן אים געצוואונגען צו באטייליקן זיך אין רויבעריי

ער איז געווען אין א שווערער עקאנאמישער לאגע און איז באאיינפלוסט געווארן פון שלעכטע חברים

נאכדעם ווי הערי הערמאן, פוטערווארג סוחר, איז נעכטן פאר'משפט געווארן צו דריי יאר פעניטענשערי, דערפאר וואס ער האט צוזאמען מיט נאך רויבער זיך באטייליגט אין א “האלד-אפ” אין דער באנק אף טאראנטא, איז ער אויפגעטראטען אלס הויפט עדות פאר דער קרוין, און ער האט דערציילט, אז ער איז געצוואונגען געווען פון די אנדערע באנדיטן צו באטייליקן זיך אין דער רויבעריי. פיר טעג האט ער געקעמפט מיט זיך צי זאל ער זיך באטייליקן אין דער רויבעריי, אבער זיינע פעק מיט בילס (צאלונגען) האבן אים געצוואונגען, האט ער [illegible] צו מאכן דעם דאזיקן געוואגטן שריט.

און הערמאן האט ווייטער דערציילט:

“צוויי מאל ביז דעם פאקטישן “האלד-אפ” האבן די באנדיטן באזוכט די טראנסקאנא באנק און זיי האבן באטראכט די ארומיקע געגנט.

“דזשא (וויראזוב), דזשאן (סאוואוק) און איך, האט הערמאן דערציילט, פלעגן אפט ארויסגיין שפילן “קרעפ גיימס”, און איין נאכט ביים סוף מאנאט סעפטעמבער, זיינען מיר אוועק צו דזשאנס פלאץ (א פארום ארום ארבארג). ווען מיר האבען זיך צוריק אריינגעזעצט אין אוטאמאביל האב איך ביי זיי געזען צוויי רעוואלווערן. קומענדיק צוריק אין שטאט האבן זיי פארלאנגט פון מיר מיין אויטאמאביל. זיי האבן מיר געזאגט אז זיי וועלן קריגן הונדערט-טויזנט דאלאר. איך האב צו יענער צייט ניט געוואוסט וואו זיי וועלן קריגן די דאזיקע סומע. וויראזוב, סאוואוק און א דריטער מאן מיטן נאמען “שארט” אדער “מייק”, זיינען צו יענער צייט געווען אין קאר.

“זיי האבן מיר געהייסן פארן קיין עלמוואוד און פון דארטן קיין טראנסקאנא. איך בין מיט זיי אוועקגעפארן. אפפארנדיק א שטיקל וועג, האבן זיי מיר געהייסן אפשטעלן דעם אוטאמאביל און זיי האבן אנגעטאן אנדערע לייסנס פלאטעס אויף דער קאר. מיר זיינען צוגעפארן צו דער באנק אף טאראנטא, אבער דערזעענדיק א פאליציסט אויפן ראג האב איך זיי געזאגט אז איך וויל ניט האבן צו טאן מיט קיין פאליציסט און מיר זיינען ווייטער אוועקגעפארן.

הערמאן האט ווייטער דערציילט א לייננערע געשיכטע ווי אזוי זיי האבן צוזאמען געטרונקען ביר און ווי אזוי דזשאו האט פאר אים פארגעשטעלט א פריינט פון די פאראייניקטע שטאטן. דער דאזיקער “פריינט”, ווייזט זיך ארויס, איז לעסלי גווין.

(שלוס אויף לעצטער זייט)

די סאציאליסטישע רעגירונג פון ענגלאנד וויל מיר זאלן ווערן אויפזעער אויף אראבישע ארבעטער, — זאגט אירמא לינדהיים

באפאלא, נ. י., אקט. 29 (איטא).— די הדסה קאנווענשאן וואס ווערט דא אפגעהאלטן האט געגעבן איר געהעריקן ענטפער צום “ווייסן פאפיר”.

די קאנווענשאן האט איינשטימיק אסיגנירט די ריזיקע סומע פון ארום אנדערהאלבן מיליאן דאלאר פאר איר לויפנדיקער ארבעט אין ארץ-ישראל, ווי פאלגט:

500 טויזנט דאלאר פאר דעם הדסה מעדיצינישן פארבאנד און ענלאכע ארבעטן; 110 טויזנט דאלאר עקסטרא פאר קינדער וואוילזיין, פאר מיטאגן פאר שולקינדער און פאר וואוילזיין צענטערן, — און 813 טויזנט דאלאר פאר דער אויסלייזונג פונ'ם באדן ארום דעם חיפה האפען דורך דעם נאציאנאל-פאנד ברענטש פון הדסה.

אירמא לינדהיים, הדסה פירערן, האט אין א ווארימער רעדע פאר'ן נאציאנאל פאנד, פאטעטיש אויסגערופן:

“דער אידישער נאציאנאל פאנד שטעלט מיט זיך פאר דעם פונדאמענטאלען געדאנק פונ'ם ציוניזם. די שריפט איז אויף'ן וואנט. דאס סאציאליסטישע ענגלאנד אטאקירט דעם נאציאנאל-פאנד אויף דעם גרונט וואס ער האט דערמוטיקט אייגענע ארבעט אויף'ן לאנד. דער איד, הייסט עס, דארף דינגען אראבישע ארבעטער און אליין בלויז זיין דער אויפזעער!

“אמעריקע האט געפונען א משקה “פראהיבישאן” פאר זייער א טייערער זאך צום ארויפצווינגען. די אראבער ווילען פארקויפן באדן, און די אידן ווילן עס קויפן, — ענגלאנד וועט מאכן פונ'ם אראבער א לאנד ‘בוטלעגער’. זאל ענגלאנד היטן זיך פון פארקויפן קורץ די אידעאלן פונ'ם נאציאנאל פאנד, — זאל זי געדיינקען אירע אייגענע אידעאלן!”

וואלן פאר באאמטע פון הדסה זיינען דורכגעפירט געווארן לעצטן אוונט.

דזשייקאב דע האאז קומט קיין באפאלא נאוו. 6טן צו רעארגאניזירן דעם ציוניסטישן פאריין אין באפאלא, וואס איז אמאל געווען דער גרעסטער ציוניסטישער דיסטריקט פון דעם סארט אין לאנד.

נייטן שטראוס דער יונגער פירט אן “עמערדזשענסי פאנד” פאר ארץ-ישראל

ניו-יארק, אקט. 29 (איטא).— נייטן שטראוס דער יונגער איז באשטימט געווארן וויצע-פרעזידענט פונ'ם ציוניסטישען “עמערדזשענסי פאנד”, וועלכער איז באצוועקט צו באשיצן די אידישע רעכט אין ארץ-ישראל.

—(::)—

דר. ווייצמאן שרייבט זיינע מעמוארן, וואס וועלן איינגיכן דערשיינען אין א בוך

לאנדאן, אקט. 29 (איטא).— דר. חיים ווייצמאן, וועלכער האט היינטיקע וואך רעזיגנירט אלס פרעזידענט פון דער אידישער אגענטור און פון דער אלוועלטלאכער ציוניסטישער ארגאניזאציע אלס פראטעסט קעגן ענגלאנדס נייער פאלעסטינער פאליטיק, שרייבט איצט זיינע מעמוארן, וואס וועלן איינגיכן דערשיינען אין א בוך, לויט א מעלדונג פון דעם פארלאג וויקטאר גלאנץ, וואס וועט דעם בוך ארויסגעבן.

די געשיכטע וואס דר. ווייצמאן האט צו דערציילן, איז א געשיכטע פון גרויסע פערזענלאכע דערגרייכונגען און פון דעם סאמע הארץ פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

דר. ווייצמאן איז נאך הערצל'ען באטראכט געווארן אלס דער גרעסטער פירער פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

—(::)—

אמעריקאנער הדסה קריגט ווערטער פון דערמוטיקונג פון אומעטום

באפאלא, אקט. 28 (איטא). — די נעכטיקע פרימארגנדיקע סעסיע פון אמעריקאנער הדסה קאנווענשאן איז איינגאנצן אפגעגעבן געווארן צום מעמאראנדום פון הענריעטא סאלד וועגן דעם ווייטערדיקן פראגראם פון דער פרויען ארבעט אין ארץ-ישראל.

א באגריסונג איז אנגעקומען פון מעיאר דיזענגאף פון תל-אביב, אין וועלכער ער בענשט די ארבעט פון דער קאנווענשאן און בעט די הדסה פרויען אויך גוטע ארבעט.

פערל פרענקלין, פון שיקאגא, איז געווען די פארזיצערן פונ'ם הדסה באנקעט לעצטן אוונט. מרס. דזשעסי ביינענפעלד האט באגריסט די הדסה אינ'ם נאמען פון דער פרויען ליגע פון די “יונייטעד סינגאגס”, און מרס. מאזעס עפשטיין האט פארגעלייענט א באגריסונג פון בעטי פ. גאלדשטיין, פרעזידענטן פון דער פרויען ארגאניזאציע פון דעם פאריין פון ארטאדאקסישע סינאגאגן וועלכער לויטעט צווישן אנדערש: “מיר מוזן האבן דעם מוט פון אונזערע איבערצייגונגען”.

מרס. הענרי נייטן, פון דער נאציאנאלער פעדעראציע פון טעמפל סיסטערהודס, און מרס. דזשאן פרענק, פרעזידענטן פונ'ם “קאונסיל אף דזשואיש ווימען”, האבן אויך צוגעשיקט באגריסונגען.

רבי איזראעל עפראס און רבי דזשאזעף פינק, פון באפאלא, האבן אויך באגריסט ווי איינוואוינער פון דער שטאט. רבי פינק האט געזאגט: “קיין ווארט פון באגריסונג איז ניט נויטיק פאר דער הדסה, — זיי זיינען ווילקאמען וואוהין נאר זיי קומען”. רבי עפראס האט געזאגט: “מיר האבן ערשט געכאפט א שווערן קלאפ, אבער די הדסה וועט אונז צייגן דעם וועג”.

ראבערט סזאלד, אין זיין באגריסונג, האט שארף אטאקירט די בריטישע רעגירונג. “מיר וועלן קיינמאל ניט אנערקענען די דאזיקע בארויבונג פון אונזערע רעכט”, — האט ער געזאגט. — “אויב ס'איז דא אין אייך א פונק פון אידישקייט, וועט איר דאס גלייך דערווייזן. די אידישע אגענטור איז קיינמאל ניט אנגעפרעגט געווארן וועגן דעם ווייסן פאפיר. באלדווין, סמוטס און לאיד דזשארדזש זיינען מיט אונז און האבן זיך שוין אנגענומען פאר אונז. גייט צוריק אהיים און קעמפט קעגן דער באגאנגענער עולה”.

“דאס איז ניט קיין קאמף קעגן דעם בריטישן פאלק”, — האט ער געזאגט, — “דער בריטישער געפיל פאר יושר וועט זיין מיט אונז”.

רבי הלל סילווער האט אויך גערעדט אין דעם זעלבן טאן, פארדאמענדיק די בריטישע רעגירונג.

—(::)—

וויניפעג וועט אפשר קריגן א גרויסע אויל רעפיינערי

אן אויל רעפיינערי, פאר וויניפעג, איז א מעגלאכקייט אין דער נאענטער צוקונפט, לויט דער אינפארמאציע וואס קומט פון אינטערעסן וואס זיינען נאענט צו איינער פון די גרעסטע קאמפאניס אויף דעם קאנטינענט.

די סינקלער אויל קאמפאני איז די פירמע וואס פלאנט די דאזיקע אונטערנעמונג, און דער וויניפעגער פלענט וועט זיין איינער פון א “טשיין” פון רעפיינערים אין די גרעסטע שטעט אין מזרח קאנאדע, מיט דער מאניטאבער הויפט שטאט צו פארזארגן די פריירי פראווינצן.

עס ווערט פארשטאנען אז עס איז באשטימט געווארן די סומע פון דרייסיק מיליאן דאלאר צו בויען די דאזיקע רעפיינעריס, און יעדער אינדיווידועלער פלענט וועט קאסטן, וויניקסטנס, פינף מיליאן דאלאר.

בלויז וועדזשוואוד בען, סעקרעטאר פאר אינדיע, זאל האבן געוואוסט וועגן דעם

רעגירונג וועט אפשר פארמילדערן איר פאליטיק בנוגע די אידן

לאנדאן, אקט. 29.— ווי די “ניו-יארק ווארלד” נייעס אגענטור איז אינפארמירט געווארן פון ראיעלע ארבעטער פארטיי קוואלן, איז פעספילדס טרויעריק בארימטער “ווייסער פאפיר” איבער דער פאלעסטינער פראגע ארויסגעגעבן געווארן אן דעם וויסן פון די וויכטיקסטע מיטגלידער פונ'ם קאבינעט, ווי פרעמיער מאקדאנאלד, אויסערן מיניסטער הענדערסאן און פינאנץ-מיניסטער סנאודען.

דער “פאפיר” זאל האבן ארויסגעגעבן געווארן אבער מיט'ן הסכם און אויף דעם פארלאנג פון וועדזשוואוד בען, סעקרעטאר פאר אינדיע, וועלכער וויל געווינען דורך שטיצן די פאלעסטינער אראבער די מיינונג פון די אינדישע מוסולמאנער.

עס איז א סברא, אז די פירער פון דער ארבעטער פארטיי זיינען שטארק אויפגעבראכט קעגן דעם טאן פון פעספילדס “פאפיר”, און עס קאן זיין, אז דאס זאל קאסטן פעספילדן זיין מיניסטארן אמט.

ווי די מעשה איז, וועט די רעגירונג דעם פאפיר מער ניט קאנען צוריקציען, — שוין דערפאר, וואס דאס וואלט שרעקלאך אויפגעבראכט די אראבער. עס איז אבער זייער מעגלאך, אז די רעגירונג זאל שטארק פארמילדערן אים. אן אנצוהערעניש אויף דעם געפינט מען שוין אין פרעמיער מאקדאנאלדס נעכטיקן ענטפער אויף מר. באלדווינס אנפראגע, אין וועלכען דער פרעמיער האט געזוכט צו מאכן דעם איינדרוק, אז די רעגירונג האט ניט ברעה, צוריקצוציען זיך פון אירע פארפליכטונגען.

ווארגאס ווערט פראווינציעלער פרעזידענט פון בראזיליע

ריא דע זשאנעירא, בראזיליע, אקט. 29.— געטוליא ווארגאס, איינער פון די אנגעזעענסטע פירער פון דער רעוואלוציע, איז באשטימט געווארן פראוויזיאנעלער פרעזידענט פון דער רעפובליק.

ווארגאס געפינט זיך איצט אין דרום, אבער ער פארט גלייך אפ אין דער הויפט שטאט איבערצונעמען זיין אמט.

נאך אן אויפשטאנד פון דער מיליטערישער פאליציי קעגן דער רעוואלוציאנערער רעגירונג נעכטן, אין וועלכן הונדערט מענשן זיינען געפאלן, איז היינט אלץ רואיק אין ריא דע זשאנעירא. מאטראסן פאטרולירן איצט דעם באנק דיסטריקט.

עס ווערן איצט באקאנט אייניקע דעטאלן פון די שווערע שלאכטן צווישן די טרופן פון דער געפאלענער רעגירונג און די רעוואלוציאנערן. ארום סענגוועס, ווערט באריכטעט, איז א שלאכט אנגעגאנגען פינף טעג פאר'ן באזיץ פון א בריק, און טויזנט מענשן זיינען געטויט געווארן אין דער ביטערער שלאכט.

—(::)—

נאך א גענגסטער פון דזשעק דיימאנדס באנדע דערשאסן

ניו-יארק, נ. דזש., אקט. 29. — דער קערפער פון דזשאזעף העמלי, דורכגעלעכערט מיט קוילן, איז געפונען געווארן אויף א וועג ניט ווייט פון דאנען.

העמלי איז געווען א נאענטער מענש פון דזשעק דיימאנד, דער געשאסענער גענגסטער.

וואל רעפארם פראיעקט צוגעזאגט אין רעדע פון טראן ביי עפענונג פון סעסיע פון בריטישן פארלאמענט

פרעמיער מאקדאנאלד באטאנט, אז זיין רעגירונג וועט ניט ארויפלייגן קיין שטייער אויף שפייז פראדוקטן

לאנדאן, אקט. 29.— צום ערשטן מאל נאך זיין קראנקהייט, האט דער קעניג פערזענלאך נעכטן געעפנט די סעסיע פונ'ם פארלאמענט.

זיין רעדע איז געווען זייער קורץ און האט בלויז אנגעדייטעט אויף די וויכטיקע פראגעס וואס וועלן פארהאנדלט ווערן אויף דער סעסיע. די וויכטיקסטע פראגעס זיינען: די צוריקציאונג פונ'ם “טרייד יוניאן אקט” און א פראיעקט פון וואל רעפארמען.

מיט'ן פראיעקט פון א וואל-רעפארם וויל די רעגירונג קאנטיק געווינען די שטיצע פון די ליבעראלן, וועלכע האבן דאס שוין לאנג געפאדערט.

אויף אן אנפראגע פון מר. באלדווין אין די דיסקוסיעס וואס האבן נאכגעפאלגט די עפענונג פון דער סעסיע, וועגן דער אימפעריאלער קאנפערענץ, האט פרעמיער מאקדאנאלד געמאכט א וויכטיקע דערקלערונג: ער האט געזאגט, אז זיין רעגירונג וועט בשום אופן ניט איינציין אויף א שטייער אויף שפייז פראדוקטן. די דערקלערונג איז אויפגענומען געווארן מיט אפלאדיסמענטן פון די ארבעטער און ליבעראלע ביינקלאך.

פאדערן באלדווינס רעזיגנאציע

לאנדאן, אקט. 29.— 44 אנגעזעענע קאנסערוואטיווע דעפוטאטן האבן דערלאנגט א פעטיציע צום קאנסערוואטיוון “וויפ” פון הויז, פאדערנדיק מר. באלדווינס רעזיגנאציע און אן ענדערונג אין דער פירערשאפט פון דער פארטיי, וואס איז “וויכטיק פאר די נאציאנאלע אינטערעסן”.

—(::)—

פועל"צ רופן בעראטונג צו שטיצן ארבעטער קאנדידאטן

אונטער'ן אויפזיכט פון די היגע פועלי-ציון ווערט פארגערופן א פארזאמלונג אויף קומענדיקן זונטאג ביינאכט, אין 872 מיין סטריט, אין פארבינדונג מיט די אנקומענדיקע מוניציפאלע וואלן. אלע פאראינטערעסירטע אין דער דערוויילונג פון די ארבעטער קאנדידאטן זיינען געבעטן צו קומען און העלפן אין דעם קאמפיין.

צווישן די קאנדידאטן נאמינירט פון דער ארבעטער פארטיי דאס יאר זיינען דא, ווי באקאנט, צוויי וויכטיקע אידישע קאנדידאטן: מארקוס היימאן, וועלכער שטייט זייער נאענט צו די פועלי-ציון, פאר מעיאר, און מ. א. גרעי, א מיטגליד פון די פועלי-ציון, פאר אלדערמאן.

אנב - אורחא

פון מארק

די “יבנה” שטימונג

ווען ר' יוחנן בן זכאי האט דערזען, אז ירושלים ווערט חרוב און דאס אידישע פאליטישע לעבן גייט אונטער, איז ער אוועק קיין יבנה און האט דארט אויסגעבויט א ישיבה, — לייגנדיק אזוי דעם גייסטיקן יסוד פאר דער עקזיסטענץ פונ'ם אידישן פאלק, וואס האט פארלארן דעם פיזישן באדן פון אונטער זיינע פיס. — אזוי דערציילט די געשיכטע.

ר' יוחנן בן זכאי האט ניט געמאכט קיין טעות. דער פונדאמענט וואס ער האט געלייגט האט זיך ארויסגעוויזן צו זיין א סך שטארקער, ווי דער פעסטסטער פיזישער באדן אונטער די פיס פון וועלכן ס'איז פאלק.

סימנים פון אזא “יבנה שטימונג” באמערק איך איצט אויך ביי אונז. אן ארטיקל אין “דאס אידישע ווארט” לעצטען פרייטאג (“אין א שווארצער שעה”, פון ה. נ. קושניר) איז כאראקטעריסטיש פאר דער שטימונג.

עס איז ווי מען וואלט דערפילט, אז דער באדן קרישלט זיך אונטער די פיס און מען פאלט אין אפגרונט. און, אין אזא צייט פון געפאר, כאפט מען זיך צוריק פאר'ן “יבנה”.

אדער: עס ווערט חרוב דאס ירושלים של מטה (דאס ערדישע), כאפט מען זיך אן מיט ביידע הענט אינ'ם ירושלים של מעלה (דעם הימלישן).

* * *

דער אמת איז, אז דער חורבן פון ירושלים איז ניט געקומען מיטאמאל, און יבנה איז אויך אויסגעבויט געווארן ניט דורך ר' יוחנן בן זכאי, נאר דורך דורות פאר אים, וואס האבן געפילט דעם אנקום פונ'ם חורבן און האבן צוגעגרייט דעם גייסטיקן באדן פאר ר' יוחנן בן זכאי'ס ישיבה.

און פונקט איז אזוי פעספילדס “שווארצער פאפיר” ניט דער ערשטער און. איך האב מורא, ניט דער לעצטער קלאפ וואס דער ציוניזם האט געקראגן, — און איז, אנב, ווייט פון צו זיין דער טויט קלאפ פאר'ן געמעסיקטן ציוניזם.

און פונקט אזוי איז דאס אידישע פאלק שטענדיק גרייט צו אזעלכע קלעפ, און איז אינערלאך באפעסטיקט צו קאנען ביישטיין זיי און ניט לאזן זיך באהערשט ווערן פון פארצווייפלונג.

* * *

די בריטישע רעגירונג האט גלייך נאך דער מלחמה (ד. ה., באלד ווי זי האט זיך מער ניט גענויטיקט אין אידישער הילף און סימפאטיע) ניט נאר ניט געהאלפן, נאר זי האט געשטערט דעם אידישן אויפבוי פון ארץ-ישראל.

פאקטן זיינען דא צופיל, אויסצורעכענען. אבער לאמיר דא דערמאנען דעם ערשטן פאגראם, וועלכער, ווי מיר אלע ווייסן, איז געווען הירעקט אדער אומדירעקט צוגעגרייט פון די בריטישע באאמטע.

דער רעזולטאט איז געווען — דער צייטווייליקער אפשטעל פון דער אידישער אימיגראציע און טשורטשילס “ווייסער פאפיר”, וואס איז געווען די ערשטע אפיציעלע פארשמעלערונג פון די אידישע רעכט, צוגעזאגט זיי, וועלכע זיינען פריער אבער שוין פאקטיש באשריינקט געווארן.

דערנאך — ווייטערדיקע שטערונגען און באגרעניצונגען, ווייטער א פאגראם, ווייטער אן אימיגראציע אפשטעל און ווייטער א “ווייסער פאפיר”, וואס פארקערפערט אט די אלע רויבערייען פון אידישע רעכט.

* * *

עס איז אלץ געגאנגען לויט די געזעצן פון עוואלוציע, און, אויב די אידן זיינען ניט פארצווייפלט געווארן מיט פיר, פינף אדער זיבן יאר צוריק, האבן זיי איצט אויך ניט וואס פארצווייפלט ווערן.

און פארוואס מיט 4-7 יאר צוריק, און מיט הונדערט, און מיט טויזנט יאר צוריק?

דער ציוניזם אליין איז כסדר געווען אזא פראקטישע אוממעגלאכקייט, אז אזא פראקטישער שריט ווי פעספילדס פאפיר קאן אויף אים קיין שום ווירקונג ניט האבן . . .

ס'איז נאך א שטערונג אין דער פראקטישער ארבעט, ס'איז א גרויסע אנטוישונג, א גרויסער בראך, ווייל דער ציוניזם האט געפרואווט זיין פראקטיש.

וועט ער ווייטער גיין אויף'ן אומפראקטישן און נאטירלאכן פאר אים וועג — וואס איז זיין געשיכטלאכער וועג.

א דור האט קיין געדולד ניט. אבער א פאלק קאן ווארטן!

* * *

און אונזער “יבנה” איז אין דער אמת'ן קיינמאל ניט אונטערגעגאנגען.

בעת אונזערע זעלאטן האבן זיך מיט זייערע גאנצע כחות געווארפן אינ'ם קאמף פאר ירושלים, האבן אונזערע חכמים געלערנט תורה און געזוכט צו באפעסטיקן דעם אידישן קיום סיי עקאנאמיש, און סיי קולטורעל.

דעם פעלער האבן געמאכט די קנאים, די ציוניסטן, וועלכע האבן, אזוי צו זאגן, געזוכט “אריינצולייגן אלע אייער אין איין נעסט”, צו קאנצענטרירן אלע אידישע נאציאנאלע כחות אויף'ן פראקטישן ציוניזם.

וואלט עס זיי געלונגען, וואלט דער איצטיקער קלאפ טאקע געווען און אמת'ער און א גרינדלאכער חורבן.

* * *

פעספילד'ס פאפיר איז בלויז אן אינצידענט אין דער אידישער געשיכטע, — א פיינלאכער אינצידענט, ווייל ער קומט אין איינעם פון די קריטישסטע מאמענטן אין דער אידישער געשיכטע.

אבער קיין קאטאסטראפע איז עס ניט. ער וועט ניט נאר ניט איינברעכן די אידישע ווידערשטאנדס קראפט, נאר אפילו ניט דעם ציוניזם.

(שלוס אויף זייט 4)